**גערבאָטן פֿאַר יעדן עכטן אָנהענגער פֿון יבֿנה • Admonitions for Every True Member of Yavneh**

by Hillel Zeitlin, translation by Arthur Green, Ariel Evan Mayse

*In geveb: A Journal of Yiddish Studies* (March 2016)

For the online version of this translation:

http://ingeveb.org/texts-and-translations/admonitions-for-every-true-member-of-yavneh-fourteen-exhortations

# געבאָטן פֿאַר יעדן עכטן אָנהענגער פֿון יבֿנה

# ADMONITIONS FOR EVERY TRUE MEMBER OF YAVNEH

Hillel Zeitlin
translated by Arthur Green, Ariel Evan Mayse

**Introduction:** Hillel Zeitlin (1871-1942) was the leading figure of what may be called "philosophical neo-Hasidism" among Eastern European Jews in the pre-Holocaust era. A tireless author, journalist, and polemicist, he published constantly in both the Yiddish and Hebrew presses, offering a bold new vision of contemporary spiritual life grounded in his reading of Hasidic sources. But Zeitlin sought to become an activist as well as a literary figure. He was especially concerned with the situation of the rootless Jewish youth. Throughout his career as a public figure, beginning shortly after World War I, he issued calls for a new organization of Jewish life. In a series of articles published in the 1920s, he sought to form an elite Jewish spiritual fraternity to be called *Yavneh*, which was the most fully elaborated of his attempts at intentional community.

The following is an excerpt from a privately published pamphlet called *Di teyve* (די תּבֿה) that appeared in 1924, which outlined the goals and principles of the *Yavneh* group.

To read more essays written by Zeitlin about *Yavneh* see: https://ingeveb.org/texts-and-translations?tag=yavneh.

For more background on Zeitlin's *Yavneh*, please read the longer scholarly introduction here: http://ingeveb.org/articles/the-great-call-of-the-hour-hillel-zeitlins-yiddish-writings-on-yavneh

# Admonitions for Every True Member of Yavneh

## (Fourteen exhortations)

1. **Support yourself only from your own work!** Try as hard as you can to support yourself from simple physical labor and not from trade. Trade is based primarily on the deception, and deception means lies. And lies completely oppose what the Holy One, who is Absolute Truth, demands of us ("God, our Sovereign, is truth" (Jer. 10:10). And, "the signet of God is truth").[1]

   If you are, brother, a worker, try to improve in your craft. Don't look forward, as so many do today, to leaving this work so that you can support yourself through easier professions. If you are not yet a worker, make the effort to become one. If it is difficult for you to join a labor union for religious or ethical reasons, try to establish, together with a few of the members of Yavneh, cooperative workshops, and the like.

   If you cannot work as a physical laborer because of old age or infirmity, try at least to choose for yourself a type of livelihood that succeeds with a minimum of commerce in it, and help your friends who *are* laborers in every way you can.
2. **Keep away from luxuries!** Luxuries consume the mind and the strength of a person. Luxuries drive one to acts of constant deceit, leading easily from there to thievery and robbery. Striving for the true Jewish life, and at the same time for a life of luxuries, is like dipping in a purifying pool while holding a defiling abomination in your hand.[2]

   Therefore, choose a life of modesty, simplicity, keeping yourself far away from all external pleasures. Refrain as much as you can from all habits that eat up your money, that do not benefit your body, and only harm your soul. My brother, turn your steps away from the theater and from parties. Guard yourself from smoking, from liquor, from expensive clothes, from adorning yourself with rings, and the like. Seek not to adorn your dwelling with costly decorations. It would be better if you would purify and adorn your soul, my dear brother!
3. **Do not exploit anyone!** If you support yourself solely by the work of your hands, and in so doing live a life of modesty, tranquility, and humility, abstaining from indulgence, luxury, and pleasure seeking, then it will be easy for you to fulfill the great and holy commandment of every pure ethical system: do not exploit anyone! Do not use people, seeking your own benefit without their agreement, or even with their agreement, if full compensation is not received. Every person has their own purpose. Every person is a complete world. From the standpoint of morality and also in a purely religious sense, all exploitation, in any form whatsoever, is robbery and murder.

   A factory boss or artisan who takes advantage of workers by paying them the lowest wage acceptable on the market, and not the **true, full and proper**

[1] b. Yoma 69b.
[2] See b. Ta'anit 16a.

sum for their work, is exploiting those workers. The merchant who takes unfair advantage in buying or selling exploits the people that merchant is dealing with.

Abuses are sometimes to be found today also among politicians, journalists, doctors, and the rest of the people involved in the free professions. Every pressing of advantage that is not the result of the complete, considered, free, and serious agreement of the person involved is criminal. Protect yourself from all this as you would protect yourself from fire, my dear brother!

4. **Purify your family life.** The family has always been a stronghold for the Jew. In the face of work, persecution, and daily troubles, the Jew found rest and comfort in quiet, pleasant, and pure family life. The family has always been the Jew's sanctuary. Even Balaam saw this, and against his will declared: "How good are your dwelling places, O Jacob" (Num. 24:5). Balaam saw this and he became blind from envy ("on account of this the eye of that wicked one was blinded").[3]

   Today, sadly, the anarchy of the street has broken into the Jewish family. This bulwark, the pure and pleasant Jewish family of Poland, has started to disintegrate, especially since the time of the German conquest [World War I]. Now, this fall is deepening more and more. Further, this decline is abetted by the general moral ruin of the street, the theater, the movies, the pulp journals, and obscene literature. And a good bit of the so-called better and more serious literature abets this. Knowingly and unknowingly, many of those who declare themselves artists contribute to this decline.

   Protect your soul from this danger, my dear brother! Strive to protect the quiet, the peace, and the love in your family!

5. **Sanctify your sex life altogether!** The preservation and sanctification of the covenant are the exalted bases of both interior and exterior holiness. Concerning this, we are charged: "Be holy" and "One who sanctifies oneself a little here below, will be greatly sanctified from above." "The sexual organ is the fundament of the body, sign of the holy covenant." One who is pure in this matter is holy; one who is impure in this area is defiled. In this one must be guarded not only from actual sin but also from sinful thoughts. And the proven ways to this are always to be occupied with work (at best, physical work), and also with the learning of Torah, with concentration and depth. "There is no room for sin except in a heart that is void of wisdom," says Maimonides.[4] "Torah is good when joined to work; the exertion of both cause sin to be forgotten."[5] Actual work—on no account idleness. Idleness brings on all misfortune.

6. **Guard yourself from forbidden foods!** "You will be defiled by them" (Lev. 11:43). Read this as, "You will be blocked by them."[6] Forbidden foods defile the body and soul; forbidden foods create vile and impure blood in the human body. If some of today's Jewish youth have more of a tendency now than in the past to go toward evil, this is mainly an outcome of not protecting themselves against

[3] b. Niddah 31a.
[4] *Mishneh Torah, hilkhot issurei bi'ah* 22:21.
[5] m. Avot 2:2.
[6] Based on b. Yoma 39a.

forbidden foods. Be careful, my brother, of forbidden foods, and thus you will save yourself from impurity, evil, and harmfulness.

7. **Sanctify your Shabbat!** The Sabbath is not just an ordinary commandment, but the basic foundation. One who weakens the Sabbath, Heaven forbid, desecrates the God of Israel. A person who doesn't sanctify the Sabbath is like one who worships idols. "Keep" and "remember," the single utterance the one God spoke.[7] Unite with the holiness of the Sabbath, and in this way, commune with the blessed Holy One. The Sabbath, however, must be kept not only on the outside, but also within: pray, learn, truly evaluate your soul, concentrate on holy and pure matters. Shabbat upholds the entire Jewish nation. The Community of Israel and Shabbat are truly a pair, and in them resides the Holy Ancient of Days.
8. **Keep your home holy!** Not only the synagogue, the house of learning, the prayer room, but also an ordinary Jewish house is a small-scale sanctuary. When can this be said? When the house abounds with words of Torah, prayers, blessings, Kiddush, and Havdalah, and when these are expressed seriously, truthfully, with profound and intent sincerity! When a mother and a father, a brother and a sister, live in calm and true peace (for in a peaceful place, there is the blessing of the Father of Peace); when the children are educated in the spirit of the serious and pure Torah; when all the children of the house speak the Jewish tongue and are full of love, honor, and recognition for every Jewish thing.

   But what is today the structure of a house of an average Jewish merchant? Mostly, it is a place of selling and buying, sometimes a feverish stock market, sometimes a club for a game of cards, and sometimes a hall for parties. The father goes out in search of "pleasures," and the mother seeks her own. In the house—a constant ill will, continual arguments behind the backs of others, or to their face. The daughters no longer speak Yiddish; the sons are being prepared for empty careers. Although Shabbat and the holidays are observed in an exterior way, it is without joyous celebration, without soul, without life. They pray, and when they have the opportunity, they fulfill commandments and customs, but everything is mechanical. In a place where there is no light and no fire, no love or devotion—there is no resting place for the almighty God.

   Yavnehite! Don't allow your house to become secular and commercial. Let your house look as a Jewish house should—a small sanctuary of the Lord! See that the Jewish language is heard in your house, the voice of Torah, words of peace, heartfelt prayers, suffering on account of the great pain of Israel, and silent hopes for redemption.
9. **Live always amid the whole Jewish people and for the whole Jewish people.** Don't be concerned about yourself, but about all of Israel. The pain of all should be *your* pain; Israel's joy, your joy. Every single Jewish soul is a part of the Shekhinah, called *kenesset yisra'el* because She is the totality of Jewish souls. The Community of Israel is the lower Shekhinah, the kingdom of heaven on earth. The suffering of a Jewish soul is distress to the *shekhinah*, as it were. So how can you, Yavnehite, cause pain to any Jew? Whoever works honestly and

[7] From *Lekha Dodi*, based on b. Rosh ha-Shanah 27a.

wholeheartedly for the redemption of Israel—as he understands it—is working to redeem shekhinah. Blessings to anyone who does something good for the Jewish people—even if his views are far from our own! Blessings to any hand that is stretched out to bring help to Israel!

Yavnehite! In all your thoughts, all your longings, all your words and deeds, do not have yourself and only those close to you in mind, but rather the entire great holy Jewish people. Bring yourself and your loved ones into that whole. The salvation of the whole will be yours as well.

10. **Remove yourself from party politics.** Though you are bound to live as a part of the general society, and work especially for the community, do not join any particular party, even if it is close to your heart. Because as long as the party is occupied with politics, it is bound for the furtherance of those politics to transgress the limits of justice and communion of all of Israel. If you are a member of a party, and you find it difficult to leave it, especially if the main purpose of the party is the building up of the nation—set your heart to scrutinize every act and deed of the party. Your humanity, your Judaism, your pure conscience, is a thousandfold more important than even the best and loftiest party.

    Whether you are a member of a party or not, you can and ought to participate in the work of any party, to the extent that it directs deeds to the building of the whole nation, and to the unification of the nation, and you are bound to remove yourself from it, when it divides Jews, or when, to achieve its purpose, it uses means that are contrary to the Jewish spirit, which is that of love, justice, and holiness.
11. **Remember and never forget the three loves!** The Yavnehite is bound to seek perfection in the religious sense: the avoidance of sin and the fulfillment of commandments in actual deeds. Above all, one should be especially imbued with an awareness of the three loves—the love of God, the love of Israel, and the love of Torah.
12. **Subdue pride!** Pride is the most profound and strongest idol. Pride is the "strange god"[8] within one's own body. Pride has deeply rooted itself in us, and in order to uproot it, concerted effort over decades is necessary. Even more: we must combat it all the days of our lives. As long as it rests in us, it hides God, it hides others, and it hides the world outside ourselves. We cannot reach the light of truth as long as pride rests in us. "Pay attention to this cursed one—and bury it!"[9]
13. **Sanctify speech!** Speech is the expression of the soul. Guard the covenant of the tongue; the holiness of the tongue. Not one word of evil speech! Not one round of gossip! No idle words at all; and it goes without saying, not to defile your tongue with vulgarities. Do not think that there is no damage from speech. What difference does it make? A vulgar joke? Whom does it hurt? No, dear brother! A word has the power to build and destroy worlds. It is your duty, Yavnehite, to be a

[8] I.e. an moral failing tantamount to idolatry in the way that arrogance perverts one's ethical and religious sense.

[9] 2 Kings 9:34.

builder, a creator, repairing lives that have been destroyed. Therefore, let your words be holy.

14. **Sanctify your inner life!** Let not a day in life pass without taking stock of your soul. Learn or hear *mussar* [moral teachings] every day. Books like *The Duties of the Hearts*, *The Path of the Upright*, *The Ways of the Righteous*, *Tanya*, *Select Counsels*, should always be your companions.[10]

    Even if you are busy, steal yourself away for five to ten minutes every day, in your chosen corner, for a short and precise tally of your soul. And at this same time, let there be a short silent prayer in your heart: "Sovereign of the world, set me on the right path, on the path of light."

NOTE: Any reader who has firmly decided to start living in accord with the fourteen principles outlined above, even if not all at once but gradually, may turn in this regard either orally or in writing to Hillel Zeitlin, Szliska 60, Warsaw.

[10] *The Duties of the Hearts* is *Hovot ha-Levavot*, by the early medieval R. Bahya ibn Pakuda; *The Path of the Upright* is *Messilat Yesharim*, by R. Moshe Hayyim Luzzatto; *The Ways of the Righteous* is *Orhot Tsaddikim*, an anonymous fifteenth-century treatise originating in Ashkenaz; *Tanya* is *Likkutei Amarim-Tanya*, by R. Shneur Zalman of Liady; *Select Counsels* is *Likkutei Etsot*, based on the teachings of R. Nahman of Bratslav.

# געבאָטן פֿאַר יעדן עכטן אָנהענגער פֿון יבֿנה

**(פֿערצן אַזהרות)**

**א) לעב נאָר פֿון אייגענער אַרבעט!**
באַמי זיך מיט אַלע כּוחות צו לעבן פֿון איינפֿאַכער פֿיזישער אַרבעט און ניט פֿון מיסחר. מיסחר איז געגרינדט איבער הויפּט אויף שווינדל און שווינדל איז – שקר. שקר איז אָבער דער פֿולער היפּוך פֿון דעם, וואָס עס פֿאַרלאַנגט דער אייבערשטער, וועלכער איז דורכויס **אמת** („ד׳ אלקים אמת“ און „חותמו של הקדוש־ברוך־הוא – אמת“).

אויב דו ביסט, ברודער, אַן אַרבעטער, באַמי זיך צו פֿאַרפֿאָלקאָמענען זיך אין דײַן פֿאַך און שטרעב ניט, ווי עס טוען הײַנט לײַדער פֿילע, צו לאָזן דײַן אַרבעט אום צו לעבן פֿון לײַכטע פּרנסות. אויב דו ביסט נאָך נישט קיין אַרבעטער – באַמי זיך צו **ווערן** אַן אַרבעטער. איז דיר שווער אַרײַנצוקומען אין הײַנטיקע פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען אויס רעליגיעז־עטישע טעמים, בילד מיט אַנדערע חבֿרים פֿון „יבֿנה“ פֿאַראייניקטע וואַרשטאַטן, קאָאָפּעראַציעס, וכדומה.

ביסטו צו אַלט אָדער שוואַך צו ווערן אַן אַרבעטער, באַמי זיך כאָטש צו אויסוויילן אַזאַ פּרנסה, אין וועלכער ס׳איז דאָ אַמווייניקסטן מיסחר און שטיץ מיט אַלע כּוחות דײַנע חבֿרים, וואָס אַרבעטן יאָ.

**ב) דערווײַטער זיך פֿון מותרות!**
דער לוקסוס עסט אויף דעם מענטשנס מוח און דעם מענטשנס כּוח. דער לוקסוס טרײַבט דעם מענטש צו אומאויפֿהערלעכן שווינדל און ממילא – צו גנבֿה און גזלה. שטרעבן צו עכטער ייִדישקייט און לעבן אין דער זעלבער צײַט אין לוקסוס הייסט זײַן אַ „טובֿל ושרץ בידו“...

לעב דעריבער צוריקגעצויגן, אײַנגעהאַלטן, אָפּגעזונדערט, און דערווײַטערט פֿון אַלערליי אויסערלעכע תּענוגים. זאָג זיך אָפּ, ווי ווײַט דו ביסט נאָר ביכולת, פֿון אַלע רגילותן וואָס עסן אויף דײַן געלט, ברענגען דײַן גוף קיינע נוצן נישט און דײַן נשמה ברענגען זיי נאָר שאָדנס. מײַד אויס, ברודער, אַלערליי טעאַטערן, בעלער, אָוונטן, רייכער נישט, טרינק נישט קיין שאַרפֿע משקאָות, טראָג נישט קיין טײַערע בגדים, ציר זיך ניט אין רינגען, וכדומה, שטרעב ניט צו באַפּוצן און באַצירן באַזונדערס דײַן דירה, וכדומה. רייניק און באַציר בעסער דײַן נשמה, ליבער ברודער!

**ג) עקספּלואַטיר קיינעם נישט!**
ווען דו וועסט לעבן נאָר פֿון דײַן אייגענער אַרבעט און לעבן וועסטו דערבײַ שטיל, באַשיידן, אײַנגעהאַלטן, צוריקגעצויגן, דערווײַטערט פֿון תּענוגים און פֿון מותרות וועט דיר לײַכט זײַן צו ממלא זײַן דעם גרויסן

הייליקן געבאָט פֿון יעדער ריינער עטיק: עקספּלואַטיר קיינעם נישט! נוץ קיינעם נישט אויס צוליב דײַן טובֿה אָן יענעמס הסכּמה און אַפֿילו מיט יענעמס הסכּמה, אויב יענער באַקומט ניט דעם פֿולן עקוויוואַלענט פֿון דעם. יעדער מענטש איז אַ צוועק פֿאַר זיך. יעדער מענטש איז אַ וועלט פֿאַר זיך. יעדע אויסנוצונג, אין וואָסער פֿאָרעם זי זאָל ניט זײַן איז, אין עטישן און ממילא אויך אין ריין רעליגיעזן זין, גזלה און רציחה.

דער פֿאַבריקאַנט אָדער דער מײַסטער, וואָס נוצט אויס זײַנע אַרבעטער אָן צו באַצאָלן זיי, ניט נאָר די נאָמינאַלע, אין גאַס אָנגענומענע, נאָר די **אמתע, גאַנצע** און **פֿולע** פּרײַז פֿאַר זייער אַרבעט הייסט עקספּלואַטאַטאָר. יעדער סוחר, וואָס נוצט אויס דעם צווייטן מענטשן סײַ בײַם קויפֿן, סײַ בײַם פֿאַרקויפֿן, צום שלעכטן הייסט עקספּלואַטאַטאָר.

עקספּלואַטירן עקספּלואַטירן הײַנט אַ מאָל אויך פּאָליטיקער, זשורנאַליסטן, דאָקטוירים און אַלע אַנדערע, וואָס באַשעפֿטיקן זיך מיט פֿרײַע פּראָפֿעסיעס. יעדע אויסנוצונג פֿון עמעצן אָן יענעמס **פֿולן**, **רײַפֿן**, גוטן און פֿרײַען ווילן איז אַ פֿאַרברעכן.

היט זיך פֿון דעם אַלעמען ווי פֿון פֿײַער, ליבער ברודער!

**ד) רייניק דײַן פֿאַמיליען־לעבן.**

די פֿאַמיליע איז אַלע מאָל געווען די פֿעסטונג פֿונעם ייִדן. נאָך דער אַרבעט, רדיפֿות, און עגמת־נפֿש פֿון טאָג האָט דער ייִד געפֿונען רו און טרייסט אין זײַן שטילן, פֿײַנעם, און ריינעם פֿאַמיליען־לעבן. די ייִדישע פֿאַמיליע איז אַלע מאָל בײַם ייִדן אַ הייליקטום. בלעם האָט עס נאָך געזען און האָט געמוזט זאָגן: „מה טובֿו אהליך יעקבֿ“. בלעם האָט עס געזען און זײַן אויג איז פֿון קינאה בלינד געוואָרן („על זה נסמית עינו של אותו רשע“).

הײַנט האָט זיך אָבער, צום אומגליק, אַרײַנגעריסן די הפֿקרות פֿון גאַס אויך אין דער ייִדישער פֿאַמיליע. באַזונדערס האָט זיך די פֿעסטונג, וואָס הייסט „ריינע און שיינע ייִדישע פֿאַמיליע“ אין פּוילן אָנגעהויבן צו ברעכן פֿון דער צײַט פֿון דער דײַטשער אָקופּאַציע. יעצט גייט די ירידה טיפֿער און טיפֿער. עס העלפֿן דערצו: די אַלגעמיינע פּריצות פֿון גאַס, די טעאַטערן, די קינאָס, די שונדפּרעסע און שונד־ליטעראַטור. עס העלפֿט דערצו אַפֿילו אויך אַ היפּשע טייל פֿון דער אַזוי גערופֿענער „בעסערער און ערנסטערער ליטעראַטור“. עס העלפֿן דערצו אויך, ווילנדיק צי ניט ווילנדיק, אויך אַ טייל פֿון די וואָס האַלטן זיך פֿאַר „קינסטלער“.

מײַד אויס אָט די געפֿאַר, ליבער ברודער! שטרענג אָן אַלע דײַנע כּוחות אויף צו דערהאַלטן רו, פֿרידן, און ליבע אין דײַן פֿאַמיליע!

**ה) הייליק דײַן געשלעכטלעך לעבן בכלל!**

„שמירת־הברית“ און „קדושת־הברית“ זענען די גרויסע יסודות סײַ פֿון אינערלעכער סײַ פֿון אויסערלעכער קדושה. אויף דעם איז איבער הויפּט געזאָגט געוואָרן: „קדושים תּהיו“ און „כּל המקדש עצמו מלמטה מקדשין אותם מלמעלה“. „יסוד – סיומא דגופֿא, אות ברית קדש“. איז מען דערין ריין איז מען אַ קדוש; איז מען דערין אומריין איז מען – אַ טמא. און היטן מוז מען זיך דערבײַ ניט נאָר פֿון עבֿירות ממש, נאָר אויך פֿון „הירהורי־עבֿירה“. די הויפּט־רפֿואות צו דעם זענען: שטענדיקע סיסטעמאַטישע אַרבעט (אַמבעסטן פֿיזישע אַרבעט) און תּורה־לערנען מיט שטאַרקן עיון „אין לתּאוות מקום אלא בלבֿ פּנוי מחכמה“ – רמב״ם. „טובֿ תּורה עם דרך־ארץ, **שיגיעת** שניהם משכחת עוון“ – **יגיעה** דווקא. אין קיין פֿאַל ניט ליידיק־גייערײַ. דאָס ליידיק־גייערײַ ברענגט צו אַלע אומגליקן.

**ו) היט זיך פֿון מאכלות־אַסורות!**
„ונטמאתם בם – ונטמטם בם“. מאכלות־אַסורות אומרייניקן דעם קערפּער און די נשמה. „מאכלות־אַסורות“ ברענגען אַרײַן שלעכט, אומריין בלוט אינעם מענטשן. אַ טייל פֿון דער ייִדישער יוגנט איז הײַנט מער, ווי עס איז אַ מאָל געווען, געניייגט צו רישעות איבער הויפּט דערפֿאַר, וואָס זי היט זיך ניט פֿון מאכלות־אַסורות. היט זיך ברודער פֿון מאכלות־אַסורות ווען דו ווילסט ניט זײַן אומריין, שלעכט, און בייז.

**ז) הייליק דײַן שבת!**
שבת איז ניט סתּם אַ מיצווה, נאָר אַ יסוד־היסודות. ווער עס פֿאַרשוואַכט דעם שבת פֿאַרשוועכט חלילה דעם אלקי־ישׂראל. ווער עס היט ניט קיין שבת איז גלײַך ווי ער דינט עבֿודה־זרה. „שמור וזכור בדיבור אחד השמיענו אל המיוחד“. פֿאַראייניק זיך מיט דער קדושה פֿון שבת און דורך איר – מיט הקדוש־ברוך־הוא. שבת דאַרף אָבער איבער הויפּט ניט נאָר אויסערלעך, נאָר אויך **אינערלעך** אָפּגעהיט ווערן (דאַוון, לערן, מאַך אַן אמתן חשבון־הנפֿש, טראַכט נאָר וועגן הייליקע, ריינע ענינים). שבת האַלט אויף די גאַנצע ייִדישע נאַציע. „כּנסת־ישׂראל“ און ״שבת״ זענען אַ „בן־זוג“ און אין זיי רוט – עתּיקא־קדישא.

**ח) הייליק דײַן הויז!**
ניט נאָר אַ שול, אַ בית־מדרש, אַ שטיבל, נאָר אויך אַ געוויינלעך ייִדיש הויז איז אַ מיקדש־מעט. ווען איז עס אָבער געוואָרן? ווען אינעם הויז ווערן שטענדיק געהערט דבֿרי־תּורה, תּפֿילות, ברכות, קידוש, הבֿדלה, און דאָס אַלץ ווערט אַרויסגעזאָגט מיט עכטקייט, מיט אמתדיקייט מיט שטאַרקער און טיפֿער אינערלעכקייט; ווען פֿאָטער און מוטער, ברודער און שוועסטער לעבן צווישן זיך אין שטילקייט און אמתן שלום (און ווו עס איז שלום, דאָרט איז אויך די ברכה פֿונעם אַבֿי־שלום); ווען קינדער ווערן דערצויגן אין עכטן און ריינעם תּורה־גײַסט; ווען אין הויז ווערט פֿון אַלעמען **ייִדיש** גערעדט און עס ווערט געליבט, געאַכט, און געשעצט אַלץ, וואָס איז ייִדיש.

ווי זעט אָבער הײַנט אויס אַ געוויינלעך סוחריש ייִדיש הויז? **האַנדל, וואַנדל**, אַ מאָל – אַ שטיקל בערזע; אַ מאָל – אַ שטיקל קאָרטנקלוב; אַ מאָל – אַ שטיקל טאַנצזאַל צי בעלערזאַל. דער פֿאָטער גייט זיך זוכן זײַנע פֿאַרגעניגנס; די מוטער – אירע פֿאַרגעניגנס. אייביקע אומצופֿרידנהייט און אייביקע אָפֿענע צי באַהאַלטענע צאַנקערײַען. די טעכטער רעדן ניט קיין ייִדיש. די זין – קאַנדידאַטן אויף לופֿט־פּרנסות. עס ווערט אַפֿילו אויסערלעך אָפּגעהיט שבת־יום־טובֿ, אָבער אָן פֿײַערלעכקייט, אָן נשמה, אָן לעבן. עס ווערט געדאַוונט, עס ווערן אויסגעפֿירט צײַטנווײַז מיצוות און מינהגים, אַלץ אָבער נאָר – מיצוות אַנשים מלומדה. און דאָרט, ווו עס איז ניטאָ קיין ליכט און קיין פֿײַער, ווו עס איז ניטאָ קיין אַהבֿה און קיין דבֿקות, – דאָרט איז ניטאָ קיין מישכּן פֿאַרן אל־עליון.

בן־יבֿנה! זאָל דײַן הויז ניט זײַן „סוחריש־וועלטלעך“. זאָל דײַן הויז זײַן ווי אַ ייִדיש הויז באַדאַרף אויסצוזען, – אַ מיקדש־מעט!

אין דײַן הויז זאָל געהערט ווערן די ייִדישע שפּראַך, קול־תּורה, דבֿרי־שלום, האַרציקע תּפֿילות, צער אויפֿן גרויסן וויי פֿון ישׂראל און שטילע האָפֿענונגען אויף גאולה.

**ט) לעב שטענדיק אינעם כּלל־ישׂראל און מיטן כּלל־ישׂראל.**
זאָרג ניט פֿאַר זיך, נאָר פֿאַרן גאַנצן כּלל־ישׂראל. דער וויי פֿונעם גאַנצן כּלל זאָל זײַן **דײַן** וויי; זײַן פֿרייד – דײַן פֿרייד. יעדער איינציקע ייִדישע נשמה איז אַ טייל פֿון דער שכינה; כּללות־נשמות־ישׂראל,– כּנסת־ישׂראל, שכינתּא־תּתּאה, מלכות־שמים אויף דער ערד. אַ ווייטיק פֿון אַ ייִדישער נשמה איז צער־השכינה, כּבֿיכול. ווי זשע קענסטו, בן־יבֿנה, גורם זײַן אַ ווייטיק אַ וואָסער ניט איז ייִדן? ווער עס

אַרבעט מיט אַן אמת און מיטן גאַנצן האַרצן פֿאַר דער גאולה פֿון ישׂראל ווי ער פֿאַרשטייט עס – אַרבעט ער פֿאַר גאולת־השכינה. געבענטשט זאָל זײַן, ווער עס טוט עטוואָס גוטס ישׂראל, מעג ער זײַן ווי ווײַט פֿון אונדז אין דעות! געבענטשט זאָל זײַן יעדע האַנט, וואָס איז אויסגעשטרעקט אויף צו ברענגען הילף ישׂראל!

בן־יבֿנה! אין אַלע דײַנע געדאַנקען, אין אַלע דײַנע שטרעבונגען, אין אַלע דײַנע דיבורים, אין אַלע דײַנע מעשׂים, זאָלסטו האָבן ניט זיך און דײַנע נאָענטע אין זינען, נאָר דעם גאַנצן, גרויסן, הייליקן פֿאָלק ישׂראל. זיך און דײַנע אייגענע זאָלסטו אויך אַרײַננעמען אין אָט דעם כּלל. אין דער ישועה פֿונעם כּלל איז אויך **דײַן** ישועה!

**י) דערווײַטער זיך פֿון יעדער פּאָליטיק און פֿון יעדער פּאַרטייִשקייט!**
כאָטש דו דאַרפֿסט לעבן אין כּלל און דאַרפֿסט אַרבעטן נאָר פֿאַרן כּלל, דאָך דאַרפֿסטו זיך ניט אָנשליסן אָן קיין באַזונדערער פּאַרטיי, מעג זי זיך זײַן ווי נאָענט דיר צום האַרצן, כּל־זמן די פּאַרטיי פֿירט פּאָליטיק און מוז צוליב איר פּאָליטיק פֿאַרבייגן די פּרינציפּן פֿון שטרענגער גערעכטיקייט און פֿאַרברידערונג פֿון אַלע ייִדן. ביסטו שוין אין אַ פּאַרטיי און קענסט פֿון איר ניט אַרויס, בפֿרט ווען איר הויפּטצוועק איז בנין־האומה, דאַרפֿסטו דאָך שטרענג אַכטונג געבן אויף יעדער אונטערנעמונג פֿון דײַן פּאַרטיי און אויף יעדער טאַט אירער. דײַן מענטשלעכקייט, דײַן ייִדישקייט, דײַנע ריינע געוויסן, – דאָס אַלץ איז טויזנט מאָל העכער אַפֿילו פֿון דער בעסטער און שענסטער פּאַרטיי!

ניט זײַנענדיק קיין פּאַרטיימענטש אָדער זײַנענדיק אַ פּאַרטיימענטש, קענסטו, דאַרפֿסט, און מוזסט גיין מיט יעדער פּאַרטיי אויף וויפֿל אירע מעשׂים זענען צוגעפּאַסט צו דעם בנין פֿון דער גאַנצער אומה און צו דער אַחדות פֿון דער גאַנצער אומה און דאַרפֿסט זיך דערווײַטערן פֿון איר אויף וויפֿל זי צעשטערט, צערײַסט, טיילט פֿונאַנדער ייִדן, אָדער זי באַנוצט זיך צום דערגרייכן איר צוועק מיט מיטלען, וואָס זענען קעגן דעם ריינעם גײַסט פֿון ייִדנטום, וואָס איז דאָך ניט אַנדערש ווי אַהבֿה, יושר, און קדושה.

**יא) געדענק און פֿאַרגעס קיין מאָל נישט אָן די דרײַ אַהבֿות!**
דער „בן־יבֿנה“ דאַרף שטרעבן צו פֿולער גאַנצקייט אין רעליגיעזן זין: ייִראת־חטא, שמירת־המיצוות בפֿועל־ממש. איבער הויפּט דאַרף ער אָבער שטענדיק דורכגעדרונגען זײַן מיט די דרײַ אַהבֿות: אַהבֿת־המקום, אַהבֿת־ישׂראל, און אַהבֿת־התּורה (זע אויבן – „וואָס וויל יבֿנה?“).

**יב) צעברעך דײַן גאווה!**
„גאווה“ – דאָס איז דער טיפֿסטער און דער שטאַרקסטער אָפּגאָט. גאווה – דאָס איז דער „אל זר שבגופֿו של אָדם“. גאווה איז אײַנגעוואַקסן און אײַנגעגעסן אינעם מענטשן און אויף אויסצוּוואָרצלען זי דאַרף מען אַרבעטן צענדליקער יאָרן. נאָך מער: דאָס **גאַנצע** לעבן דאַרף מען מיט איר קעמפֿן. כּל־זמן זי איז דאָ פֿאַרשטעלט זי גאָט פֿונעם מענטשן; פֿאַרשטעלט זי דעם צווייטן מענטשן; פֿאַרשטעלט זי די אויסערלעכע וועלט. דו קענסט צום אמתן אור ניט צוקומען כּל־זמן דו האָסט אין זיך גאווה. „פּקדו את האַרורה הזאת – וקבֿרוה!“...

**יג) הייליק דײַן דיבור!**
דער דיבור איז דער אויסדריק פֿון דער נשמה. ברית־הלשון. קדושת־הלשון. קיין וואָרט לשון־הרע! קיין וואָרט רכילות! קיינע דבֿרים־בטלים! עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז דו טאָרסט ניט מטמא זײַן דײַן צונג מיט ניבול־פּה. מיין ניט, אַז „רעדן שאַט ניט“. און וואָס מאַכט עס אויס? אַ גראָבע הלצהלע? ווענען שאַט עס? ניין ליבער ברודער! אַ וואָרט בויט וועלטן און אַ וואָרט מאַכט חרובֿ וועלטן. דו, בן־יבֿנה, דאַרפֿסט זײַן אַ בויער, אַ שעפֿער, און אויפֿשטעלער פֿון אַ חרובֿ געוואָרן לעבן. זאָל דעריבער דײַן וואָרט הייליק זײַן!

**יד) הייליק דײַן אינערלעך לעבן!**
עס זאָלן ניט אַריבערגיין קיין איין טאָג אין דײַן לעבן אָן חשבון־הנפֿש. יעדן טאָג זאָלסטו לערנען אָדער הערן מוסר. אַ חובֿת־הלבֿבֿות, אַ מסילת־ישרים, אַן אורחות־צדיקים, תּניא, אַ לקוטי־עצות, זאָלן שטענדיק דײַנע באַגלייטער זײַן.

ביסטו אַ טרוד, קענסטו אַלנפֿאַלס אָפּגזלענען פֿון דײַנע באַשעפֿטיקונגען אַ 5 צי 10 מינוט אין טאָג אום צו אָפּזונדערן זיך אין אַ ווינקעלע און מאַכן אַ קורצן, אָבער שטרענגן חשבון מיט זיך.

און אַ שטילע געבעט דערבײַ, אַ קורצע תּפֿילה:

רבונו־של־עולם! פֿיר מיך אין אַ ריכטיקן, אין אַ ליכטיקן וועג!...

- - -

באַמערקונג:
יעדער לעזער, וואָס האָט בײַ זיך פֿעסט באַשלאָסן צו אָנהייבן לעבן לויט די י״ד אַזהרות, וואָס זענען אויסגערעכנט אויבן, כאָטש ניט מיט אַ מאָל, נאָר שטופֿנווײַז, קען זיך ווענדן וועגן דעם סײַ מינדלעך, סײַ שריפֿטלעך צו **הלל צייטלין**, שליסקע 60, וואַרשע.